# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


# Far folḳ un heymland


**Markiš, Perec D.**
**שיקראמ, ץערעפ**



**Mosḳṿe, 1943**


רעיימראטיור נטקינַײפראפ נופ רעווייק נפא עוווש א


**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230**



Visual Library



## א שוווּע אפן קײוּוער פון פארפײַניקטן רויטארמייער

דעם פײַנ ביסט דורכגעגאנגענ שטאָלצער ווי דעם רום,
געטראָגנ ווי די ביקס זיך אינ דער הייך דײַנ ווײ האָט;
זאָל ניט געשטערט דורך טרערנ זײַנ דײַנ ריטער־רו, —
מיר וויינענ ניט! מיר שווערנ, רויטארמייער,
באַם קייוּוער דײַנעם — ווו ער זאָל ניט זײַנ
אונ ווו איר שויס האָט ניט צעשפּאַרט די ערד אים:
ס׳וועט זיך אינ שייד ניט לייגנ ס׳גרויזאמע קלייזײַענ,
ביז אומקומענ ס׳וועט ניט דער שטאם פון דײַנע מערדער,
וואָס האָבנ מיט דײַנ לעצטנ ווייטעק זיך געטיילט,
ווי מיט דײַנ קלייד, אים רײַסנדיק מיט נעגל שארפע;
אפ גאָר דער ערד וועט ניט געפינענ זיך קיינ שטיינ,
וואָס וועט אליינ אינ זיי ווי קלאָלעס זיך ניטווארפנ!

באשאָטנ האָט די ערד דעם קאָפ מיט אש,
מיט טרויער זיך פארדעקט האָבנ די פּאָטערלעכע ווײַטנ, —
נאָר דו האָסט אופגעלויכטנ דרייסט, אָנ ראש,
פונקט ווי אינ אויסשפּירונג געגאנ צו דײַנע לעצטע ליידנ.
געגאנגענ אויסגעטאָנ פונ לאסט אונ אָל,
מיט ליבע פול צום פאָטערלאנד אינ הארצנ,
אנטקעגנ הענקער דײַנע ביסט געשטאנענ שטאָלצ
אונ מיטנ לעצטנ דעך געשפּיגנ זיי אינ פארצעפּ,
געשטאנענ צוגעבונדנ צו א בוים,
ווי פראָמעטיי צום פעלדז, מיט העלנ בליק צו ווײַט;
נאָר ניט קיינ אָדלער האָט געפּיקט דײַנ הארצ אינ רוים,
א ברוינער וואָרעמ האָט בא דײַנ צופוסנס זיך געעײַטערט.

געלויערט שײַטערס האָבנ אפ דײַנ לעצטנ טראָט
אונ פײַנ אזא, וואָס ס׳האָט ניט אויסגעטראכט דער גענעם;
נאָר דו האָסט ניט געוויינט אונ ניט געבעטנ קיינ גענאָד

און דרייסט צו לעצטן פּרווו דײַנעם גענענען.
געוויינט פאַר דיר האָבן די וועלדער און דער ווינט,
די טײַכן האָבן זיך ווי אַף געשלעג באַוויגן,
פון גרונטפעסט האָבן בערג געריסן זיך געשווינד,
און ס'האָט די זון מיט כמאַרעס זיך פאַרצויגן.

צונויפגעפּרעסט דורך דײַנע ציין האָט זיך אַ ליד געהערט,
אַ ליד, ווי דאָס געשאַל דאָס ווינטיקע פון יאָמען.
מיט טרערן האָט געוואָרגן זיך די גאַנצע ערד,
און ערגעץ האָט די הענט געשטרעקט דײַן מאַמע
און האָט אַף העלדנמוט געבענטשט איר צווייטן זון,
געטײַט אַף דיר מיט בריִענדיקע טרערן:
— עס שווערט דאָס לאַנד דאָס גאַנצע בײַ דער זון!
— עס שווערט דאָס לאַנד בײַם הימל און בײַ שטערן!
— עס שווערט דאָס לאַנד זיך מיט דער לעצטער שלאַכט —
איר דונער־קנאַל אין ווײַטן שוין זיך הערט דאָרט, —
פון דײַנע אויגן אויסגעשטאָכענע די הוילע נאַכט
וועט זײַן דאָס פּאַטערלאַנד פון דײַטשע מערדער!
עס האָט צו דיר קיין צוטריט ניט דער טויט.
עס שווערט דאָס לאַנד בײַם ווייטעק פון דײַן מאַמע:
דאָס בלוט פון שטערן, אויסגעקריצטן אַף דײַן הויט,
וועט סאַרפּען אַפן לײַב פון גאַנץ גערמאַניע!

דײַן רו באַוואַכט אינערגעץ ניט קיין שטיין,
און ניט באַוווסט ז'דאָס אָרט פון דײַנע לעצטע ליידן:
עס וועלן קומען קינדסקינדער צו דיר אַליין,
זיי וועלן דיך אין הארץ אַדורכטראָגן דורך אַלע צײַטן.
אַף אונדזער פרײַער ערד — באַפרײַט זיי וועלן גיין
דורך ווינט און פראָסט, דורך היץ און שנייען
פאַרנייגן זיך פאַר דײַן אומשטערבלעכן געביין,
פאַרפּײַניקטער און שטאָלצער רויטאַרמייער!
די הענט פאַרברעכן מיר קיין רעגע ניט אין צאַר,
זיי זײַנען פול מיט צאָרן פאַר די לייד און ווייען;
און זײַן וועט גרויזאַם די נעקאָמע און דער סכאַר —
מיר וויינען ניט, מיר שווערן, רויטאַרמייער!

★✦★